דאָס שלעכטע, דאַן האָב מורא; וואָרום נישט אומזיסט
טראָגט זי די שווערד; וואָרום זי איז גאָטס דינערין
אויסצופירן צאָרן (שטראָף) אויף דעם, וואָס טוט
5 שלעכטס. דערפאַר מוז מען זיך אונטערטעניקן,
נישט נאָר צוליב דעם צאָרן, נאָר אויך צוליב
6 דעם געוויסן. וואָרום דערפאַר צאָלט איר אויך
שטייערן, ווייל זיי (די מאַכטהאָבער) זענען גאָטס
משרתים און פאַרנעמען זיך מיט דער דאָזיקער זאַך.
7 גיט אָפּ יעדן איינעם דאָס, וואָס איר זענט מחויב:
שטייער, צו וועמען שטייער געהערט, צאָל, צו
וועמען צאָל געהערט, מורא דעם, וועמען מורא
געהערט, כבוד, צו וועמען כבוד געהערט.
8 זייט קיינעם גאָרנישט שולדיק, אַחוץ ליב צו האָבן
איינער דעם אַנדערן; וואָרום דער, וואָס האָט ליב
9 דעם אַנדערן, האָט מקיים געווען די תורה. וואָרום
דו זאָלסט נישט מזנה זיין, דו זאָלסט נישט מאָרדן,
דו זאָלסט נישט גנבענען, דו זאָלסט נישט גלוסטן,
(שמות כ, יג־יז.) און יעדעס אַנדערע געבאָט, זענען
צוזאַמענגעפאַסט אין דעם דאָזיקן וואָרט: דו זאָלסט ליב
10 האָבן דיין חבר ווי דיך אַליין. (ויקרא יט, יח.) די ליבע
טוט דעם נאָענטן קיין שום שלעכטס נישט; דעריבער
איז די ליבע די דערפילונג פון דער תורה.
11 און דאָס דאָזיקע זאָלט איר טון, קענענדיק די
צייט, אַז די שעה איז שוין אָנגעקומען, אויפ־
צושטיין פון שלאָף; וואָרום איצט איז אונדזער
ישועה נענטער, ווי ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו
12 גלויבן. די נאַכט איז פאַרגאַנגען און דער טאָג
האָט זיך דערנענטערט; לאָמיר זשע אַראָפּוואַרפן
די מעשים פון דער פינסטערניש און אָנטון די
13 כלי־זיין פונם ליכט. לאָמיר וואַנדלען באַשיידן,
ווי בייטאָג, נישט פרעסנדיק און זויפנדיק, נישט